STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02269

TSU DI SOVETISHE FROYEN

Dolores Ibaruri

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָלאָרעס איבארורי

צו די סאָוועטישע פרויען

אָגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע 1941

ДОЛОРЕС ИБАРРУРИ

К СОВЕТСКИМ ЖЕНЩИНАМ

(На еврейском языке)

Редактор перевода *Р. Фиш*

Подписано к печати 5/IX 1941 г. 1/2 печ. л. 3/4 уч-изд. л. А 143954. Тираж 5000 экз.
Цена 10 коп. Зак. 504.

17-я ф-ка национальной книги Огиза РСФСР треста „Полиграфкнига“,
Москва, Шлюзовая набер., д. 10.

„קעמפט הײַנט, קעדײַ ניט צו
ווײַנענ מאָרגנ״.

בײַס די הײסע אונ שווערע טעג פונ רעוואָליוציע, בירגערקריג אונ אינטערווענציע האָבנ די סאָוועטישע פרויענ ארײַנגעשריבנ רומפולע בלעטלעכ אינ דער געשיכטע פונעמ קאמפ פאר דער פרײַהײַט פונ די פעלקער. זײ האָבנ באוויזנ, אז זײ זײַנענ טרײַע אונ פעסטע פאטריאָטקעס, העלדישע קעמפער פאר דער זאכ פונ זײער פאָלק.

דער אָנפאל פונ די בעסטיאלע היטלערישע באנדעס אפנ ראטנלאנד לעבט ווידעראמאָל אופ בא די סאָוועטישע פרויענ דעמ זעלבנ פאטריאָטישנ דראנג. פול מיט ענטוזיאזמ אונ הײסער ליבע צו זײער פאָטערלאנד, נעמענ זיכ די פרויענ ווידער צומ געווער, קעדײ צוזאמענ מיט זײערע מענער אונ ברידער צו באשיצנ די הײליקע סאָוועטישע ערד אונ דאָס לעבנ פונ זײערע קינדער, וועלכע עס דראָעט די באנדע בלוטיקע הענקער, געשטעמפלטע מיט דער סוואסטיק.

די גלענצנדיקסטע בלעטלעכ אינ דער געשיכטע פונ די פעלקער זײַנענ די, וואָס זײַנענ אָנגעשריבנ מיטנ בלוט פונ די פארטײדיקער פונעמ הײמלאנד. די בארבארישע באנדעס פונעמ פאשיזמ, וואָס האָבנ צעטראָטנ די פרײַהײַט אונ די אומאָפהענגיקײַט פונ די פעלקער פונ אײראָפּע, פרוונ איצט ארײַנשטעכנ זײערע נעגל אינעמ הארצ פונעמ סאָוועטנ-לאנד, פארכאפנ זײַנע אוצרעס, פארוואנדלענ זײַנ פרײַ פאָלק אינ שקלאפנ.

דאָס גאנצע צווייהונדערטמיליאָניקע סאָוועטישע פאָלק — פונ דער זוניקער ארמעניע ביז דעמ אײביקנ אײַז פונ דער ארקטיק, פונ די מײַרעוו-גרענעצנ פונ פססר ביזנ שטילנ אָקעאנ — האָט זיכ באהעפט ארומ דער באָלשעוויסטישער פארטײ, ארומ דעמ גרויסנ רודערער סטאלינ אינ דער אײַזנפעסטער שטרעבונג ארָאפּצווישנ פונ דער ערד די היטלערישע האָרדעס.

די רומפולע אונ העלדישע רויטע ארמײ, וואָס האָט אינ די פארביסנסטע שלאכטנ קעגנ די סאָנימ פונ דער סאָציאליסטישער מעלוכע שוינ ניט אײנ מאָל באוויזנ איר קראפט, דערלאנגט איצט מיט דער שטאָלענער פויסט מעכטיקע קלעפ איבער דער היטלערישער שלאנג.

די רומפולע סאָוועטישע סאָקאָלנ קלאפנ דרייסט אראָפּ די גיריקע פאשיסטישע רויבער, וואָס פרווונ ברענגענ טויט אונ כורבנ אפ די פרידלעכע סאָוועטישע שטעט אונ דערפער.

דער פאשיזמ וועט צעקלאפט ווערנ! די לעגיאָנענ פונ דער שווארצער סוואסטיק וועלנ פארניכטעט ווערנ דורכ דער קראפט אונ אנטשלאָסנקייט, דורכ דעמ ווילנ אונ דער מעכטיקייט פונ דער רויטער ארמיי, פונ דעמ סאָוועטישנ פאָלק, פונ אלע פאטריאָטנ אונ פאטריאָטקעס פונעמ גרויסנ לאנד פונ סאָציאליזמ.

דער זיג וועט באקרוינענ דעמ העלדישנ קאמפ פונ דעמ סאמע פרייענ פאָלק אפ דער ערד, — פונעמ פאָלק, וואָס איז איצט געצוווּנגענ זיכ צו נעמענ צומ געווער, קעדיי צו באשיצנ זיינ לעבנ אונ פרייהייט, וועלכע עס באדראָענ די פאשיסטישע בארבארנ.

דער נידערטרעכטיקער, פאכדאָנישער אָנפאל אפנ פססר האָט ארויסגערופנ א שטורעמ פונ אופרעגונג אינ אלע לענדער, באזונדערס דאָרט, ווו די פעלקער שמאכטנ אונטערנ יאָכ פונ די נייע וואנדאלנ.

דער פאשיזמ עקזיסטירט אונ קאָנ עקזיסטירנ נאָר דורכ טעראָר אונ מילכאָמע. דער דאָזיקער בלוטיקער רעזשימ שטרעבט צו צווינגענ אלע פעלקער צו דינענ דער אומגעהייערער קריגס-מאשינ, מיט וועלכער עס פירנ אָנ קרעטינענ אונ דעגענעראטנ.

פארשיקערט פונ בלוט אונ פארברעכנס, האָט די דאָזיקע באנדע הענקער פארוואנדלט דייטשלאנד אינ א קאָלאָסאלנ קאָנצענטראציע-לאגער, וואָס איז ארומגערינגלט מיט שטעכיקנ דראָט.

דער פאשיזמ האָט פארניכטעט אלע קולטורעלע אונ פאָליטישע דעראָבערונגענ פונעמ דייטשישנ פאָלק, ער אונטערדריקט אכזאָריעסדיק אונ עקספלואטירט אומגעהייער דאָס לאנד. ער האָט פארוואנדלט גאנצ דייטשלאנד אינ א קריגס-לאגער, האָט איינגעשטעלט א פערצנשאָעדיקנ ארבעט-טאָג מיט א קאפצאָנישנ ארבעטלוינ, די געזעצנ וועגנ ארבעט-שוצ האָט ער פארביטנ מיטנ ווילקיר פונ אומענטשלעכע דעפרעסיעס.

דער פרייער גייסט פונעמ דייטשישנ פאָלק איז אָבער ניט איינגעבראָכנ. דאָס פאָלק וויל ניט לעבנ אינ די דאָזיקע שוידערלעכע באדינגונגענ, אונ די היטלעראָווצעס, ארומגעכאפט מיט אומגעצוימטער סינע,

װענדן אָן קעגן פֿאָלק די װילדסטע רעפּרעסיעס פֿאַר דער מינדסטער אַנטפּלעקונג פֿון פּראָטעסט און װידערשטאַנד.

דאָס דײַטשישע פֿאָלק איז באַרױבט פֿון אַלע רעכט — באַ אים זײַנען געבליבן בלױז פֿליכטן. און דאָס באַטײַט שטענדיק: געהאָרכזאַם זײַן און שװײַגן, געהאָרכזאַם זײַן אָן יעטװידן פּראָטעסט, מעכאַניש.

די טורמע־װעכטער, װאָס רעגירן איצט איבער דײַטשלאַנד, באַציִען זיך צום דײַטשישן פֿאָלק װי צו אַ סטאַדע שאָף. זײ האָבן עס אָװעקגעשטעלט אױסער געזעץ, זײ האָבן עס באַרױבט פֿונעם רעכט אַרױסצוזאָגן זײַן מײנונג.

אין דער װעלט האָט קײנמאָל ניט עקזיסטירט קײן מער פֿינצטערער, קײן מער עקלהאַפֿטער רעזשים, װי דער היטלערישער.

אײדער עס האָט זיך אָנגעהױבן די צװײטע װעלט־מילכאָמע, איז דער פֿאַשיסטישער דעװיז פֿאַר די דײַטשישע פֿרױען געװען: געבױרן אַריש־פֿולװערטיקע קינדער, קאָכן, אָן שום טײַנעס פֿאָלגן דעם מאַן און די פֿאַשיסטישע מאַכט. װי נאָר די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהױבן, האָט מען די פֿרױען געצװוּנגען צו גײן אַרבעטן אין דער קריגס־אינדוסטריע. דאָס גיט זײ אָבער ניט קײן שום רעכט, קײן שום גלײַכהײַט מיט די מאַנצבלען.

„כאָטש אַ גרױסע צאָל פֿרױען איז איצט אַװעק אין די זאַװאָדן, — האָט דאָ ניט לאַנג געשריבן אײנער אַ פֿאַשיסטישער עקאָנאָמיסט, — הײסט עס אָבער ניט, אַז נאָך דער מילכאָמע װעלן זײ בלײַבן אַרבעטן אין דער אינדוסטריע. דער באַרוף פֿון פֿרױען איז געבױרן קינדער און ניט פֿאַרנעמען זיך מיט קײן אַנדער זאַך". אין דײַטשלאַנד זײַנען איצט באַשעפֿטיקט אין דער פּראָדוקציע 45 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער פֿרױען־באַפֿעלקערונג. זינט די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהױבן, איז דער אַרבעט־טאָג פֿאַרלענגערט געװאָרן ביז 12 שאָ. דאָס באַטײַט, אַז פֿרױען גײען אַװעק פֿון דער הײם פֿאַרטאָג און קערן זיך אום ערשט באַנאַכט, קעדײ נאָך אַ גאַנצן טאָג שװערער פֿראַצע צו פֿאַרנעמען זיך מיט דער הױז־װירטשאַפֿט און מיט די קינדער. דער אַרבעטלױן פֿון די פֿרױען איז באַדײַטנדיק קלענער פֿונעם אַרבעטלױן פֿון די מאַנצבלען אַפֿילע אין דעם פֿאַל, װען די פֿרױען פֿאַרבײַטן די מאָביליזירטע אַרבעטער

אפ שווערע און שעדלעכע ארבעטנ און פילנ אויס די זעלבע נאָרמע. אויב די ארבעטערנ נייטיקט זיכ אינ טעכנישער הילפ באמ אויספילנ ספעציעלע ארבעטנ, וועלכע זי איז ניט בעקויעכ אויסצופילנ, באקומט דער הילפס-ארבעטער זײַנ פארדינסט אפנ כעזשבנ פונ דער ארבעטערנ.

די דײַטשישע פרויענ ווילנ ניט ארבעטנ אינ דער אינדוסטריע, וואָס ברענגט טויט זיי און זייערע נאָענטע, אינ דער אינדוסטריע, ווו מע פארוואנדלט זיי אינ ארבעט-פי און מע צווינגט זיי ארבעטנ ווי אפ קאטאָרגע, ווו עס איזדיעקעווענ זיכ איבער זיי פאשיסטישע אויסוווּרפנ.

דער האס פונ די דײַטשישע פרויענ צומ היטלערישנ רעזשימ איז קאָלאָסאל. מיט רעפרעסיעס, מאָרדנ וועט זיכ דעמ פאשיזמ ניט אײַנ-געבנ אײַנברעכנ דעמ קאמפס-גײַסט פונ די ארבעטנדיקע פרויענ, וועלכער אנטפלעקט זיכ אינ די פארשיידנסטע פאָרמענ — פונ פאסיוונ ווידער-שטאנד ביז סאבאָטאזש-אקטנ. דעמ 27 יאנוואר 1941 יאָר איז געקעפט געוואָרנ די ארבעטערנ גערטרודא וועסטפאל. זי האָט אונטערגעצונדנ א פאבריק אלס צייכנ פונ פראָטעסט קעגנ די שוידערלעכע באדינגונגענ, אינ וועלכע די ארבעטערנס איז אויסגעקומענ צו ארבעטנ דאָרט.

דער דײַטשישער פרוי ווערט אלצ שווערער אָנצוהאָדעווענ איר מישפאָכע, און מיט פארצווייפלונג זעט זי, ווי עס הונגערנ אירע קינדער.

די היטלעראָווצעס פאָדערנ, אז די הארטע סקאָרינקעס און אנדערע רעשטלעכ פונעמ עסנ זאָל מענ ניט אָפגעבנ פאר באלעכײַמ, נאָר מע זאָל זיי אויסנוצנ אפ צו שפײַזנ מענטשנ. די קליידער און שיכ, וואָס ווערנ פונקט ווי די שפײַז-פראָדוקטנ ארויסגעגעבנ לויט קארטלעכ, זײַ-נענ געמאכט פונ פארשיידנערליי סוראָגאטנ, און דעריבער זײַנענ זיי זייער אומבאקוועמ, ניט היגיעניש און ניט שטארק. שיכ, אשטייגער, ווערנ געמאכט פונ האָלצשטאָפ. דער זשורנאל „דויטשע בערופסצײַטונג" האָט דעמ 8 סענטיאבער 1940 י. געשריבנ: „די נויטווענדיקײַט אוי-סערסטס שפאָרזאמ אויסצוניצנ דאָס רויווארג דארפ זײַנ פאר אונדז א באקוועמער מאָטיוו, קעדיי צו צוגעווינענ די ברייטע מאָלקסמאסנ צו דער געזונטער געווינהײַט ארומצוגיינ באָרוועס. עס איז געקומענ די צײַט אײַנצורײַסנ מיט די באגריפנ און געווינהײַטנ פונ פרידנס-צײַט. אונדזער נאטירלעכער זויל איז בעסער פונ אלע קינסטלעכע. בייס דער

בעסטער לעדערנער זויל און דער סאמע עלאסטישער גומענער קנאפל טראָגן זיך מיט דער צײַט אָפּ, ווערט אונדזער נאטירלעכער זויל, פאר־קערט, פעסטער. אלזאָ, אלע דארפֿן מיר זיך ווי ווײַט מעגלעך צוגע־ווינען צו דער געזונטער געווינהײַט ארומצוגיין באָרוועס".

דער מיטלאלטערלעכער גײַסט פון בארבאריזם און אָבסקוראנטיזם הערשט אין דעם דאָזיקן ערשט ניט לאנג קולטורעלן און פּאָרגעשריטענעם לאנד.

מיט זייער שארלאטאנישער פּראזעאָלאָגיע וועגן דער פּריאָריטעט פון דער דײַטשישער ראסע, וואָס איר צו דינען איז באַרופן די גאנצע וועלט, ווילן די היטלעראָווצעס אָפּטייטן אינעם דײַטשישן פאָלק דעם גײַסט פון סאָלידארישקײַט מיט אנדערע פעלקער. זיי ווילן איזאָלירן דאָס דײַטשישע פאָלק פון אנדערע פעלקער.

די דײַטשישע מיידלעך קאָנען ניט פרײַ אויסוויילן זיך א לעבנס־פרײַנט. זיי איז פארבאָטן כאסענע צו האָבן מיט יונגעלײַט, וואָס געהערן ניט צו דער ראסע פון די העבעלסעס און גערינגען, מיט יונגעלײַט, וואָס זייער שטערן איז ניט געצייכנט מיטן פאשיסטישן שטעמפּל. אזוי איז געווען אויך בא די פארצײַטיקע שקלאפנבאזיצער, וועלכע פלעגן צווינגען זייערע קנעכט זיך צו פארייניקן פּאָרווײַז, אָן קיין שום געפיל איינער צום אנדערן, בלויז דערפאר, ווײַל די באלעבאטים זײַנען געווען פארינטערעסירט אין באקומען א פיזיש געזונטן דאָר.

אויב אָבער א דײַטשישע פרוי וועט טראָץ דעם אלעם כאסענע האָבן מיט א מענטש, וואָס געהערט ניט צו דער באנדע דעגענעראטן און הענקער, שטעלט מען זי צום שאנד־סלופּ, מע שטויסט זי צו זעלבסטמאָרד. אין דער פאשיסטישער צײַטונג „בערלינער לאָקאל־אנצײַ־גער" איז דעם 9 אפּרעל 1941 י. מיטגעטיילט געוואָרן, אז „צוויי יונגע מיידלעך, שוועסטער, האָבן זיך אופגעהאנגען אין פערד־שטאל. די סיבע פונעם זעלבסטמאָרד איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן געהאט א פארבינדונג מיט ארעסטירטע פּאָליאקן און וועגן דעם האָבן זיך דער־ווּסט די מאכט־אָרגאנען. דערשראָקן פון דער פּערספּעקטיוו ארעסטירט צו ווערן, זײַנען די מיידלעך באגאנגען זעלבסטמאָרד".

יונגע מיידלעך צווינגט מען צו ארבעטן פאר די פריצים און באַ־לעגופים. מע רײַסט זיי אָפּ פון די קרויווים און מע שיקט זיי אוועק

צו די דאָרפישע גווירימ אלס אומזיסטע ארבעטקראפט אונ פארווײַלונג פאר די פריצימ אונ זײערע זינדלעכ.

ווי שווער עס זאָל אָבער ניט זײַנ די לאגע פונ דער דײַטשישער פרוי, איז אָבער נאָכ שרעקלעכער די לאגע פונ די פרויענ אינ די לענדער, וועלכע די היטלערישע פארגוואלטיקער האָבנ פארשקלאפט.

אינ אײנער א פאשיסטישער צײַטונג איז אינ דעקאבער 1940 י. פארעפנטלעכט געוואָרנ א וואָרענונג צו די מישפאָכעס, ווו עס ארבעטנ אלס דינסטנ פוילישע פרויענ:

„מיר וואָרענענ נאָכאמאָל די הויז-ווירטנס, אז זײ דארפנ זיכ ניט באציִענ צו גוט צו דער פוילישער דינערשאפט, ווײַל די פאָליאקנ זײַנענ מעכויעוו צו ארבעטנ פאר יענעמ. מע דארפ זיכ באציִענ צו פוילישע מײדלעכ פונקט אזוי, ווי צו די מאנצבלענ ארבעטער פונ דער דאָזיקער נאציִאָנאליטעט. דײַטשישע קינדער דארפנ זענ אינ זײ ניט קײנ מענטשנ, נאָר נידעריקערע באשעפענישנ".

אײנער א פוילישער פראָפארײנישער טוער האָט מיטגעטײלט אינעמ אינפאָרמאטיוונ ביולעטענ פונ דער אינטערנאציִאָנאלער פעדעראציע פונ די טראנספאָרט-ארבעטער אײנצלהײַטנ וועגנ דער אבסאָליוט אומדערטרעגלעכער לאגע פונ די פוילישע פרויענ אינ דײַטשלאנד:

„דאָס, וואָס עס קומט פאָר מיט די פוילישע פרויענ, וועלכע מע האָט געשיקט קײנ דײַטשלאנד, איז אנ אומגעהערטער פארברעכנ. 10 טויזנט מײדלעכ אונ יונגע פרויענ זײַנענ ארויסגעפירט געוואָרנ קײנ דײַטשלאנד אפ צוואנגס-ארבעט. פיל פונ זײ ארבעטנ אינ די פריצישע גיטער פונ מיזרעכ-פרײַסנ, אנדערע ארבעטנ אלס דינסטנ בא נאציִאָנאלסאָציִאליסטישע באאמטע. הונדערטער מײדלעכ זײַנענ געשיקט געוואָרנ אינ מיליטערישע באראקנ אלס פראָסטיטוטקעס. פונ צײַט צו צײַט קערנ זיכ די דאָזיקע פרויענ אומ קײנ פוילנ קראנקע אונ גאנצ אָפט מעוברעסע".

אונ דער דאָזיקער רעזשימ פונ טעראָר, שאנדע אונ קעסײדערדיקע דערנידעריקונגענ — דאָס איז די „נײַע אָרדענונג", וועלכע עס פראָפאגאנדירנ די היטלעראָווצעס, דאָס איז דער „נײַער רעזשימ", וועלכער איז אָנגעבונדנ געוואָרנ מיליאָנענ אומגליקלעכע קאָרבאָנעס, די „נײַע אָרדענונג" פונ פארשקלאפנ די וועלט, די „נײַע אָרדענונג" פונ אונטער-

ווארפנ אלע פעלקער פונ דער וועלט אונטער דער הערשאפט פונ עקלהאפטע אויסוואורפנ!

ווי דער פאשיסטישער שטיוול זאָל ניט ארופטרעטנ, לאָזט ער איבער א בלוטיקנ שפור, ברענגט ער כורבנ אונ טויט. די פאשיסטישע רעדלפירער פארוואנדלענ שטעט אונ דערפער אינ א דורכויסיקנ בעסוילעמ. זיי ווילנ באצווינגענ די וועלט, אפילע אויב מע זאָל דארפנ ברענגענ אלס קאָרבנ מיליאָנענ מענטשלעכע לעבנס. זייערע פלענער וועלנ אָבער צעשטערט ווערנ דורכ דער אײַזנפעסטער אנטשלאָסנקײַט אונ מעכטיקײַט פונעמ סאָוועטנ-לאנד, אפ וועלכנ די דאָזיקע ווילדע הינט האָבנ געוואגט אָנצופאלנ.

די רויבערישע נאציִאָנאל-סאָציִאליסטישע שאקאלנ לעכצנ ארײַנצוזעצנ זייערע ציינער אינעמ קערפער פונעמ סאָוועטישנ פאָלק. זיי לעכצנ צו באהערשנ די קאָלאָסאלע רײַכטימער פונעמ ראטנלאנד. זיי טרוימענ וועגנ פארכאפנ די אומויסשעפלעכע רעסורסנ פונ דעמ דאָזיקנ קאָלאָסאלנ לאנד, קעדיי פאָרזעצנ זייער פארניכטנדיקע „ארבעט" פונ פארשקלאפנ אנדערע פעלקער אונ אנדערע לענדער. דאָס וועט זיכ זיי אָבער ניט אײַנגעבנ. קיינער צווייפלט ניט אינ דעמ, אז די רומפולע רויטע ארמיי וועט אפ אייביק פארניכטנ די פארברעכערישע פאשיסטישע באנדעס.

סאָוועטישע פרויענ!

מיר דארפנ אָנווענדנ אלע קויכעס, קעדיי צו באפרײַענ די פעלקער פונ דער שטענדיקער געפאר, וועלכע די עקזיסטענצ פונ דער דאָזיקער מילכאָמע-נעסט באדראָעט זייער לעבנ אונ פרײַהײַט.

דער קאמפ קעגנ פאשיזמ — דאָס איז א זאכ פונ פליכט אונ ערע פאר יעדנ איינעמ. אפ די פעלדער פונ דער זוניקער שפאניע האָבנ זיכ צעשפילט די ערשטע שלאכטנ מיט די, וואָס פרעטענדירנ אפ פארשקלאפנ די וועלט. אונ אינ יענע בלוטיקע טעג זײַנענ די פרויענ פונ שפאניע אָנ וואקלונגענ ארויס אפ די גאסנ, קעדיי ארויסצורײַסנ זייער ערד באמ סוינע.

זיי האָבנ פארשטאנענ, אז דער קאמפ קעגנ די נאציִאָנאל-סאָציִאליסטישע לעגיִאָנענ אונ זייערע מעשאָרסימ — די איטאליענישע פאשיסטנ — דאָס איז א קאמפ ניט אפ לעבנ, נאָר אפ טויט.

די שפאנישע פרויענ, וואָס פאר זיי איז כאראקטעריסטיש דאָס עקזאלטירטע געפיל פונ מוטער-ליבע אונ וואָס זײַנענ גרייט צו גיינ צוליב

זייערע קינדער אפ דער גרעסטער זעלבסטאָפּפּערונג, האָבן אָן א סעקונ־דע זיך צו וואקלען געשיקט זייערע זין אין קאמף קעגן די פאשיסטישע פארכאפער. די שפּאנישע מוטערס האָבן בעסער געוואָלט זען זייערע זין אלס העלדן, וואָס זײַנען אומגעקומען אפן שלאכטפעלד אין קאמף פאר דער פרײַהײַט פון זייער פאָטערלאנד, איידער צו זען, ווי זיי לעבן אונטערן יאָך פון פאשיזם. די דאָזיקע מוטערס זײַנען אליין געגאנגען באקומען געווער, קעדיי צו געבן עס זייערע זין.

און יעדע פרוי האָט מיט שטאָלץ גערעדט וועגן איר מאן, וועגן אירע זין, וועגן אירע ברידער — וועגן די קריגער די העלדן פון דער רעפּובליקאנישער שפּאניע.

שטאָטישע פרויען, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געארבעט אין זאוואָדן און פאבריקן, האָבן געפאָדערט, מע זאָל זיי שיקן אפ די שווערסטע ארבעטן, ווײַל זיי האָבן אויך געוואָלט זיך באטייליקן אין צעגראָמירן די פאשיסטישע באנדעס.

אלטע פויערטעס, וואָס האָבן געוווסט בלויז פון ליידן און נויט, האָבן זיך גענומען צום אקער, קעדיי צו באפרײַען די מאנצבלען פארן פראָנט. זיי האָבן געוואָלט, אז זייערע מענער און זין זאָלן קעמפן פאר דער אומאָפּהענגיקייט פון שפּאניע, פאר דער פרײַהײַט פון פאָלק, פאר א פרידלעך לעבן.

פון די ערשטע טעג אָן פון קאמף קעגן די אינטערווענטן האָבן זיך די שפּאנישע פרויען אָנגעהויבן מיט ענטוזיאזם פארשרײַבן אין די רייען פון דער פאָלקס-מיליציע, קעדיי צוזאמען מיט די מאנצבלען צו באשיצן די רעפּובליק. זיי האָבן קיינמאָל ניט געהאלטן קיין געווער אין די הענט, זיי האָבן זיך אָבער שנעל אויסגעלערנט באהערשן עס.

דער העלדישער אָנטייל פון די שפּאנישע פרויען אינעם קאמף קעגן די אויסלענדישע פארכאפּער האָט פארקערפּערט די אנטשלאָסנקייט פונעם גאנצן פאָלק צו קעמפן ביזן ענדגילטיקן זיג איבערן סוינע.

בייס דער מילכאָמע האָבן זיי מוטיק און מעסירעסנעפעשדיק גע־האָלפן די מאנצבלען פארטיידיקן די פרײַהײַט און די אומאָפּהענגיקייט פון זייער פאָלק.

קיינער האָט ניט ארויסגעוויזן אזויפיל צארטע זאָרג וועגן די קרי־

גער, ווי די פֿרויען. אפֿילו דאָרט, וווּ עס האָבן ניט געקאָנט אַרײַנדרינגען די באַהילפֿיקע מיליטער־טײלן, וואָס האָבן באַדינט דעם פֿראָנט, האָט זיך געלאָזט פֿילן די אויפֿמערקזאַמקײַט און די זאָרג פֿון די פֿרויען.

געניטע פֿרויען־הענט האָבן געגרייט פֿאַרן פֿראָנט וואַרעמע און באַקוועמע זאַכן, וואָס האָבן באַשיצט די קריגער פֿון קעלט בײַ די לאַנגע כאַדאָשים זיצן אין די שוצגראָבנס און אויף די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס.

די פֿרויען פֿלעגן באַזוכן די שפּיטאָלן, פֿלעגן מעסירעסנעפֿעשדיק אַרומגיין אַרום די פֿאַרוווּנדעטע, אָרגאַניזירן פֿאַר זיי פֿאַרווײַלונגען, טרייסטנדיק זיי מיט אַלע מיטלען און לינדערנדיק זייערע ליידן. זיי פֿלעגן מיטיילן די מישפּאָכעס וועגן דעם געזונט פֿון די קרויווים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויפֿן פֿראָנט, פֿלעגן זען פֿאַרבײַטן די מוטערס פֿאַר די פֿאַריאָסעמטע קינדער פֿון די קריגער, זיי האָבן אָרגאַניזירט קאָלאָניעס פֿאַר הונדערטער טויזנטער קינדער, האָבן אָרגאַניזירט די אַרבעט פֿון באַזאָרגן מיט דערנערונג די אַרבעטער פֿון די מיליטערישע זאַוואָדן און זייערע מישפּאָכעס, האָבן געשאַפֿן צענדליקער ספּעציעלע קינדער־גאָרקיכן, וווּ עס פֿלעגן באַקומען עסן טויזנטער קינדער.

די פֿרויען האָבן פֿרײַוויליק געאַרבעט אין די זאַוואָדן, וואָס פֿלעגן באָמבאַרדירט ווערן פֿונעם סוינע, זיי האָבן אָרגאַניזירט ספּעציעלע אַרבעטער־בריגאַדעס צו הילף די פּויערים בײַ די פֿעלד־אַרבעטן.

די פֿרויען זײַנען געווען אומעטום, וווּ עס איז נייטיק געווען זייער הילף. אַרבעט איז געווען אַ סאַך. זיי האָבן זיך באַקלאָגט, אַז עס קלעקט זיי ניט פֿיר און צוואַנציק שאָ אין מעסלעס, קעדיי אַלץ אויפֿצוטאָן.

די פֿרויען האָבן אָרגאַניזירט די בעסטע שול פֿון מעדיצינישע שוועסטער אין שפּאַניע, אַ סאַך מעדיצינישע פֿלוג־אָטריאַדן, אַמבולאַטאָריעס, בריגאַדעס צו באַדינען דעם פֿראָנט.

מיט לידער זײַנען זיי געגאַנגען אויף די פֿאָרטיפֿיקאַציע־אַרבעטן, זיי האָבן געשאַפֿן הונדערטער מיליטערישע ניי־וואַרשטאַטן, געקליבן ווערקשטעלן, מאַשינעס, אײַזנבראָך, וואָס מע האָט געהאַט אַוועקגעוואָרפֿן אין דער בײַפֿראָנט־זאָנע.

די פֿרויען האָבן אָרגאַניזירט אָטריאַדן פֿון לופֿט־שוץ, האָבן געהאָלפֿן אין די געפֿערלעכסטע ערטער צוצונעמען די ברוך־שטיקלעך פֿון

די צערודערטע געביידעס, זיי האָבן ריזיקירט מיטן לעבן, קעדיי צו ראטעווען די מענטשן, וואָס זיינען עפּעס אלפי-נעס גאנצ געבליבן אונטער די ברוכשטיקער.

די פרויען און די מיידלעך פון דער רעפּובליקאנישער שפּאניע פלעגן אָפּגעבן זייער בלוט אפּ אריבערצוגיסן עס די פארוואונדעטע. איינע א מאדרידער מיידל האָט געמאכט 40 בלוט-איבערגיסונגען און האָט אָפּגעגעבן 25 ליטער בלוט.

א מוסטער פון דער פעסטקייט פון די שפּאנישע פרויען און פון זייער העלדישער מעסירעסנעפּעשדיקייט קאָן זיין מאריא קאראסקאָ פון קארטאהענא. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אז באָמבעס האָבן דערהארגעט אירע צוויי זין, 15 און 17 יאָר אלט, וואָס האָבן פריוויליק געארבעט באם אויסלאָדן קריגס-מאטעריאלן, איז זי אָן טרערן און קרעכצן געקומען צוזאמען מיט איר איינציקער טאָכטער צום ארבעט-שעפּ און, רופנדיק צוהילפ איר גאנצע מוטיקייט, קעדיי צו באהאלטן דעם ווייטעק, האָט זי געזאָגט צו אים: „מיר זיינען געקומען צו פארנעמען דאָס אָרט פון מיינע זין".

די פארטיידיקונג פון מאדריד — דאָס אומפארגעסלעכע בלעטל אינעם בוך פונעם העראָישן קאמפּ פונעם שפּאנישן פאָלק פאר זיין פרייהייט — האָט באוויזן א סאך מוסטערן פון העראָיזם און מעסירעסנעפּעשדיקייט פון פרויען.

צוזאמען מיט זייערע יינגערע זין (די עלטערע זיינען געווען אפּן פראָנט) האָבן די פרויען געהאָלפן בויען באריקאדעס אפּ די גאסן פון דער שטאָט. אין די געפערלעכסטע טעג פאר מאדריד זיינען הערכער הונדערט טויזנט פרויען ארויס אפּ א דעמאָנסטראציע, פאָדערנדיק, אז אלע געזונטע מאנצבלען זאָלן אוועקגעשיקט ווערן אפּן פראָנט. די פרויען האָבן פאָרגעלייגט פארנעמען זייערע ערטער אין די זאוואָדן, פאבריקן און אנשטאלטן.

דער באוווּסטזיין, אז זיי קעמפן פאר א גערעכטער זאך, האָט פארוואנדלט די פרויען אין העלדנס. אזוי, אשטייגער, איז אנטאָנינא פאָרטעראָ, א מיידל א קאָמיסאר פון א באטאליאָן קוילנווארפלער, מערסעדעס פאָטס, א מאדרידער ארבעטערן, וואָס איז העלדיש געפאלן אפּן

פראָנט פון סיגועצא, לינא אָדענא, די אָנפירערנ פונ דער קאטאלאָנער יוגנט — ארומגערינגלט מיט בונטאָוושטשיקעס, בייס זי איז געגאנגענ אפ אויסשפּירונג אפ דער פּײַנטלעכער טעריטאָריע, האָט זי געגעבנ א העלדישנ ווידערשטאנד אונ איז נאָכדעם באגאנגענ זעלבסטמאָרד, קעדיי די סאָנים זאָלנ זי ניט פאקנ לעבעדיקערהייט.

די מוטיקע פרויענ פונ שפאניע האָבנ אינ מעשעכ פונ קימאט דרײַ יאָר אָפּגעגעבנ אלע זייערע קרעפטנ, קעדיי צו פארטיידיקנ די אומאָפּהענגיקײַט אונ פרײַהײַט פונ זייער פאָלק אונ פארצאמענ דעם וועג דער זיכ דערנעענטערנדיקער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. זיי האָבנ אוועקגעוואָרפנ דאָס פּאָטערלאנד, זייער ערד, זייערע היימענ, אבי ניט ארײַנצופאלנ אינ פאשיסטישער קנעכטשאפט, זיי האָבנ מאקרעוו געווענ דאָס לעבנ פונ זייערע זינ לעשעמ פרײַהײַט אונ דעמאָקראטיע.

דער האס צומ פאשיזמ שמידט זיכ אויס אינעמ באוווּסטזײַנ פונ די מאסנ טאָג נאָכ טאָג, שאָ נאָכ שאָ. דעמ דאָזיקנ האס איז קיינער אונ קיינ זאכ ניט בעקויעכ אָפּצושוואכנ. אונ די מאסנ גלייבנ, אז די רויטע ארמיי, וואָס דעראָבערט אינ קאמפ קעגנ די היטלערישע באנדעס די פרײַהײַט אונ נאציאָנאלע אומאָפּהענגיקײַט פונ אלע פעלקער, — אז די רויטע ארמיי וועט מיט אנ אנטשיידנדיקנ קלאפּ אראָפּווישנ פונ דער ערד די היטלערישע באנדעס.

די קריגער, פּילאָטנ, יאמ-לײַט, ארבעטער אונ פּויערים — דאָס גאנצע פאָלק פונעמ ראטנלאנד פירט א העלדישנ קאמפ קעגנ דעמ פאשיזמ, קעגנ דעמ רעזשימ פונ פארווילדעוועטקײַט, באנדיטיזמ אונ פארשקלאפונג, אונ דער דאָזיקער קאמפ וועט געפירט ווערנ ביז דער פולער פארניכטונג אונ צעגראָמירונג פונעמ סוינע. פול מיט ענטוזיאַזמ, קומענ די סאָוועטישע פרויענ אפ די מאָביליזיר-פונקטנ, קעדיי צו בעטנ, אז מע זאָל זיי שיקנ אפנ פראָנט, ווו זיי ווילנ פארנעמענ אנ אָרט אינ קאמפ קעגנ די היטלערישע האָרדעס.

פול מיט גלויבנ אינעמ זיג פונ זייער פאָלק, האָבנ די סאָוועטישע פרויענ ניט מוידע פאר קיינ קאָרבאָנעס, וועלכע די מילכאָמע ברענגט מיט זיכ. זיי ווייסנ, אז דער קאמפ וועט זײַנ א פארביטערטער, אָבער זיי ווייסנ אויכ, אז דער פאשיזמ וועט צעגראָמירט ווערנ.

וועלכע פרוי אין דער וועלט פילט ניט, אז זי איז סאָלידאריש מיט די סאָוועטישע פרויען אין דעם דאָזיקן גרויסן קאמף פאר פרייהייט!

איך זע, ווי די פרויען פון צאָפן־אמעריקע קומען צו הילף זייערע סאָוועטישע שוועסטער, פול מיט דער זעלבער אנטשלאָסנקייט, וואָס האָט באגייסטערט די העלדישע פרויען, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אינעם קאמף פאר אָפּשאפן די קנעכטשאפט אונטער דער פאָן פונעם רומפולן אווראאם לינקאָלן.

איך הער די סאָלידאריטעט-אויסרופן פון די פרויען פון דער לאַטיינישער אמעריקע, וועלכע האָבן אין דער פארגאנגענהייט צוזאמען מיט די מאנצבלען העלדיש געקעמפט פאר דער אומאָפּהענגיקייט פון זייערע לענדער קעגן די שפאנישע פארכאפּער.

איך פיל, ווי פול עס זיינען מיט הייסער סימפאטיע צו די סאָוועטישע פרויען די הערצער פון די פראנצויזישע פרויען, וואָס זיינען פארשקלאפט דורך די היטלערישע פארגוואלטיקער און וואָס ווארטן נאָר אפן מאָמענט, ווען מע וועט קאָנען אראָפּווארפן פון זיך דעם פארהאסטן יאָך פון די אונטערדריקער.

מיר, שפאנישע פרויען, האָבן אפ זיך אויסגעפרווווט די ליבע און אופמערקזאמקייט פון די סאָוועטישע פרויען. זיי האָבן אונדז די ערשטע אויסגעשטרעקט די האנט פון הילף. דאָס ברויט, וואָס זיי האָבן געשיקט, איז געווען דאָס ערשטע ברויט, מיט וועלכן מיר האָבן געשטילט דעם הונגער פון אונדזערע קינדער, זייער אונטערשטיצונג האָט אונדז דערמוטיקט צו געבן א ווידערשטאנד די פאשיסטן אין מעשעך פון צוויי און דרייסיק כאדאָשים.

סאָוועטישע פרויען! ארבעטערנס, פויערטעס, אינטעליגענטקעס! מיט אייך איז די ליבע און סימפאטיע פון אלע פרויען פון דער וועלט!

קיין איין מוטער, וואָס האָט ליב אירע קינדער, וואָס וויל זען איר לאנד פריי און אומאָפּהענגיק, וועט ניט בלייבן גלייכגילטיק, וויסנדיק וועגן דעם פארברעכן, וואָס היטלער באגייט בענעגייע דעם ראטנלאנד.

קיין איינע ווירדיקע פרוי קאָן ניט בלייבן אָן א זייט פון דעם דאָזיקן גרויסן מארש, וואָס איז בארופן צו באפרייען פון דער פאשיסטישער פעסט די וועלט.

פרויען פונעם ראטנפארבאנד! אייערע זין, אייערע ברידער און

מענער קעמפֿן מיט געוואַגטקייט און העלדישקייט קעגן די סאַמע פֿאַר-האַסטע קרעפֿטן פֿון דער רעאַקציע. דער קאַמף וועט זײַן אַ האַרבער, די באַמיִונגען און קאָרבאָנעס — איבערמענטשלעכע!

גרויסע פֿאָדערונגען וועט אַרויסשטעלן צו אײַך די מילכאָמע, וואָס די פֿאַשיסטן האָבן פֿאַרקאָכט. איר האָט שוין אָבער ניט איין מאָל באַוויזן, אַז אַלעמאָל, ווען דאָס איז געווען נייטיק, האָט איר טרײַ און איבערגעגעבן געאַרבעט און געקעמפֿט, כּדי צו באַשיצן די פֿרײַהייט פֿון סאָוועטן-רוסלאַנד.

איר האָט געוווּסט פֿון טעג, פֿול געפֿאַר און שווערן קאַמף. איר ווייסט אָבער אויך, אַז נאָר קאַמף ברענגט פֿרײַהייט די פֿעלקער און אַז נאָך טעג פֿון קאַמף און ליידן וועלן קומען טעג פֿון גליק, טעג פֿון גרויסער מי, פֿון שעפֿערישער אַרבעט, ווען איר וועט צוזאַמען מיט אײַערע ברידער, מענער און זין שמידן אײַער צוקונפֿט, די צוקונפֿט פֿון אײַער לאַנד און פֿון אײַערע קינדער.

דער קאַמף קעגן די מעשוגענע הינט פֿונעם פֿאַשיזם — דאָס איז אַ קאַמף פֿאַר אַראָפּווישן פֿון דער ערד די סוואַסטיק-טרעגער, וואָס פֿאַרניכטן גאַנצע פֿעלקער; דאָס איז אַ קאַמף פֿאַר זיכערן דעם ראַטנ-לאַנד און אַלע לענדער אַ דויערנדיקן שאָלעם און גליק פֿון פֿעלקער.

דער העראָיִזם פֿון די סאָוועטישע גרענעצלער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פֿאַרן היימלאַנד, די אומגעהערטע מוטיקייט פֿון די פֿליִער, טאַנקיסטן, קריגער און קאָמאַנדירן פֿון דער רויטער אַרמיי זײַנען אַ גאַראַנטיע, אַז דער פֿאַשיזם וועט זיך ניט דערשלאָגן צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון זײַנע בלוטיקע פּלענער, אַז דער זיג וועט מיט אײביק-פֿרישע לאָרבערן באַקרוינען די העלדישע אָנטיילנעמער פֿון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿון אַלע פֿעלקער.

דער פֿאַשיזם וועט צעקלאַפּט ווערן און וועט שוין מער קיינמאָל ניט אויפֿהייבן דעם קאָפּ. אַזוי ווײַל דאָס צווייהונדערטמיליאָניקע פֿאָלק. אַזוי ווײַל די רומפֿולע רויטע אַרמיי, די סאָוועטישע אוויִאַציע און יאַם-פֿלאָט.

דער זיג וועט באַקרוינען די באַמיִונגען פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק, ווײַל דאָס סאָוועטישע פֿאָלק גייט אין קאַמף מיטן נאָמען סטאַלין אַף די ליפּן.

שוועסטער פונעם ראטנלאנד!

אין די זאוואָדן און פאבריקן, אין דאָרף און אין שטאָט, אומעטום גייט א קאמף פאר דער געפארלאָזיקײט פונעם סאָציאַליסטישן היימלאנד. פארנעמט די ערטער פון די אװעקגעגאנגענע אפן פראָנט מענער און זין, וואָס וועלן ניט האָבן קיין רו ניט באטאָג, ניט באנאכט, וואָס פארטיידיקן די סאָוועטישע ערד, אײַער לעבן און אײַער צוקונפט!

פארדרײַפאכט, פארפירפאכט די פּראָדוקציע — דאָס איז אײַער כויוו. שפּאָרט דאָס רויוואַרג און די מאטעריאלן, שפּאָרט יעדעס שטיקל מע־טאַל, צווינגט די מאשינעס צו געבן א מאקסימאלע אויסארבעטונג, זאָרגט וועגן זיי, ווי וועגן דעם טײַערסטן אייגנס, — דאָס אַלץ וועט פארשטארקן די מעכטיקײט פון דער דויטער ארמיי, פון דער סאָוועטי־שער אוויאַציע, פונעם יאם־פלאָט, פון די העלדישע סאָוועטישע טאנקיסטן, דאָס וועט פארשטארקן דעם קלאַפּ איבערן קעגנער.

מוטערס און פרויען פונעם ראטנלאנד!

אפן הערויזם פון די מאנצבלען אפן פראָנט דאַרפט איר ענטפערן מיט העלדישער, איבערגעגעבענער ארבעט אין טיל, קעדיי איר זאָלט קענען באגעגענען די העלדן, וואָס זיי וועלן זיך אומקערן מיט זיג, מיט די ווערטער: „מיר האָבן אײַך ניט פארשעמט! מיר האָבן מיט ערע אויסגעפילט די אופגאבן, וואָס זײַנען אפ אונדז ארופגעלייגט גע־וואָרן! מיר זײַנען געוווּנען קריגער אפן פראָנט פון דער פּראָדוקציע. מיר האָבן געוואָלט, אז אונדזער געווער, אונדזערע טאנקען, אונדזערע עראָפּלאנען זאָלן זײַן בעסער איידער באם סויגע. מיר האָבן געוואָלט, אז אפ יעדן קלאַפּ פונעם סוינע זאָלט איר קענען ענטפערן מיט דרײַ קלעפּ".

פרויען פונעם ראטנפארבאנד!

באהעפט זיך ענגער ארום דער פּארטיי באָלשעוויקעס, וואָס האָט אײַך אופגעלעבט צו א נײַ לעבן, באהעפט זיך ענגער ארום דעם כאוועד סטאלין — דעם מענטש, וועלכן עס ליבן מיליאָנען הערצער! פאר די העלדישע קריגער, וואָס פארטיידיקן דאָס סאָוועטישע היימלאנד, פאר דער צעגראָמירונג פונעם פאשיזם, פארן זיג פונעם סאָוועטישן געווער! הייבט זיך אופ צום קאמף, צו דער ארבעט, פול מיט ענטוזיאַזם!

Цена 10 коп.

ДОЛОРЕС ИБАРРУРИ

К СОВЕТСКИМ ЖЕНЩИНАМ

ОГИЗ
Государственное издательство
„Дер Эмес“, Москва 1941